STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10923

DER AGUDISTISHER ARBEYTER

Isaac Breuer

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שריפטען־סעריע פון פועלי אגודת ישראל

מרדכי ברויער

I

דער
אגודיסטישער ארבייטער

פון ד״ר יצחק ברויער ז״ל

ארויסגעגעבען פון מוסד יצחק ברויער ירושלים ת. ד. 1508
געדרוקט דורך דעם יודישען פערלאג, וויען
שנת ה׳תש״ח

1948

Jüdischer Verlag, Wien, XVII., Hernalsergürtel 1

בע"ה

פֿאָרוואָרט.

דער יודישער פֿערלאג אין וויען האט וועהרענד דער קורצער צייט פון זיין עגזיסטענץ באוויזען, נאך דעם גרויסען חורבן פון יודישען פֿאָלק, וועלכער האָט נישט זיין גלייכען אין דער יודישער געשיכטע, דורך אויס־גאַבען פון יודישע צייטונגען, בראָשירע א. א. צוריק צו בעלעבען די עצמות היבשות פון דער עסטרייכישער שארית הפליטה מיט א יודיש געדרוקט וואָרט. מיט דער יעטצטיגער אויפֿגאבע וועלכע דער מוסד יצחק ברייער אין ירושלים האט בעטרויט דעם יודישען פֿערלאג אין וויען, ארויסצוגעבען אַ גאנצע סעריע שריפֿטען פון פועלי אגודת ישראל פאר די קבוצים און אָרטסגרופען פון אגודת ישראל און פועלי אגודת ישראל אין אללע לענדער, שטעלט דער יודישער פֿערלאג דעם גרעסטען טייל פון זיין אַפּאַראַט, דער אגודיסטישער בעוועגונג צו פֿערפֿיגונג. דער ערשטער העפֿט „דער אגודיסטישער ארבייטער" פון ד"ר יצחק ברויער ז"ל איז נישט נור א וועגווייזער פון אַ הארמאָנישער צוזאמען־ארבייט פון אללע אגודיסטישע גרופירונגען און אַ מוסטער פון אידעאלער דיסציפלין, נור אויך א לעבעדיגע סתירה צו די בלבולים מצד אונזערע געגנער וועגען אַ נעגאטיווער איינשטעלונג פֿון אגו"י צו ארץ ישראל.

מיר דרוקען דאַהער אויס אַ האַרציגען יישר כח פאר דעם דירעקטאָר פֿונם יודישען פֿערלאַג אונזער חשוב'ען עסקן ר' בנימין אליעזר שרייבער נ"י פאר זיין איבערגעגעבענער ארבייט און ווינשען איהם וויטערדיגע הצלחה.

הסתדרות אגודת ישראל
ופועלי אגודת ישראל באוסטרי'ה

איינלייטונג.

דאס ווארט פין אונזערע חכ״זל „חכם עדיף מנביא״ איז מקוים געווארין אויף אַזעלטענעם אופן בייא אונזער אונפערגעסליכען מנהיג מיין בעסטער חבר וועלכער איז לײדער אזוי פריה פין אונז אוועקגעריסען געווארין — ד״ר יצחק ברויער ז״ל.

אין דער צייט ווען נור אַ קליינער קרייז פין אגודת ישראל האט ארויסגעוויזען אַ פערשטענדנים פאר׳ן ארץ ישראל־פראבלעם האט שוין ד״ר ברויער ז״ל געפאדערט אין וואָרט און שריפט אז אללע אגו־דיסטען זאללען וויסען אונד בעגרייפען, אז נישט אין דער עצם פראַגע פין ארץ ישראל איז אגודת ישראל מחולק מיט די ציוניסטען, נור אינם אופן פין דער אידעאלאגישען פערווירקליכונג. אגודת ישראל קעמפפט פאר דעם רעיון התורה וועלכער קענן נור אין ארץ ישראל דורכגעפיהרט ווערין אין לעבען און דער אגודיסטישער פועל איז די בעסטע קראפט וועלכע קאנן דעם רעיון מוציא זיין מכח אל הפועל.

באלד 15 יאהר ווי ד״ר ברויער ז״ל האט די יעטצט געדרוקטע בראשור פערעפענטליכט אין דער צייטשריפט „נחלת צבי״ און פארויס־זעהענדיג געשטעלט די פאדערונג אז ס׳זאל אים ראהמען פין דער אגודת ישראל וועלט־ארגאניזאציע געשאפפען ווערין פלאַץ פאר׳ן פועל, וועל־כער זאל אויף זיך נעהמען די אויפגאבע — נישט באַרגענדיג זיך קיין אידעאלאגיעס אין דער פרעמד — צו זיין דער טרעגער פין דעם אידעאל וועלכען אונזער תורה האט פאר דעם ארבייטער אנגעצייכענט.

אין זיין ווערק „מוריה" באווייזט ד"ר ברויער ז"ל ווי פאלש און פארדארבען ס'זענען יענע פרעמדע תורות וועלכע די הסתדרות מאכט פאר איהרע יסודות ביים אויפבוי פון ארץ ישראל און וועלכע שטייען אין גרעסטער סתירה צוא אונזער תורה־פרינציפען. אגודת ישראל האט טאקי אין איהרע פערזאמלונגען פאללשטענדיג אקצעפטיערט די ברויער־רישע שיטה אז די אגודיסטישע אויפגאבע איז צו פאראייניגען דאס יודישע פאלק אינם יודישען לאנד „תחת שלטון התורה" און דאצו איז אין ערשטער רייהע מסוגל דער אגודיסטישער פועל.

אַ אונענדליכע אקטועליטעט געווינט די בראשור נאך דעם בע־שלוסס פון די פאראייניקטע פעלקער, ווען דאס תורה טרייע יודענטום דארף אללע כוחות צוזאממען פאססען כדי נאכצוקומען איהר גרויסער היסטארישער אויפגאבע. פון דער האנד וועלכע האט דיעזע בראשור געשריעבען איז די פעדער ארויס געפאלין, אבער מיטן לעבענס־וועקענ־דיגען ווארט און מיטן פייער פון זיין ליעבע צו תורה ווירקט ד"ר ברויער ז"ל ווייטער און רופט צו נייעם לעבען, נייער באגייסטערונג און נייען וויללען צו מעשים כמאמר חכ"זל, גדולים צדיקים במיתתם יותר מבחייהם:

ד"ר שלמה עהרמאנן.

1.

די גרינדער פון דער אַגודה האָבען זיך מיט דער סאָציאַלער דער־שיינונג פונ׳ם יודישער אַרבייטער כמעט ווי גאָרנישט גערעכענט. דער אגודיזם אין זיין ערשטער סטאדיע האָט אויסשליסליך נאָר געוואָלט שאַפען פאַר דעם תורה־געטרייען יודישען פאָלק אַן אָרגאַן, וואָס זאָל זיין בערופען צו רעדען אין זיין נאָמען און אין אַלע נויטיגע פאַלען אַרויסצוטרעטען פאר איהם במעשה, באַלד אָבער איז, אין דער אמת׳ן, דער אגודיזם ווייטער געגאנגען אין זיינע ציעלען און ער האט געשטרעבט צו שאפען נישט נאָר אַן אָרגאַן פאר׳ן תורה־געטרייען יודישען פאָלק נייערט די אָרגאניזאציע פונ׳ם תורה־געטרייען יודישען פאָלק אליין. דער אונטערשיד איז קלאָר: ער ענטשפרעכט כמעט דעם אונטערשיד צווישען אַן אפוטרופוס און אַ פערוואלטונג פון אַן אַקציענגעזעלשאפט. ער האט אָבער נאָך אַלץ דער אָרגאַניזאַציע צוגעגעבען דעם כאראקטער פון עפעם קינסטליכעס, עפעם חברה׳דיגעס. זיי האָבען דעם וועג צו דער געשיכטע נאָך נישט געפונען דאָס יודישע פאָלק איז אָבער נישט קיין יצירה פון אַ מענשליכער האַנד נייערט עם איז דעם אויבערשטענס געשיכטליכע שאפונג. ערשט דער ענטשלאסענער אַריינטריט אין דער געשיכטע האָט ענטפלעקט דאס אמת׳ע שטרעבען פונם אגודיזם: דעם עם־התורה אַלס אַ לעבעדיגען אָרגאניזם צוריקצוגעבען די געשיכטליכע פעהיגקייט צו מעשים. דער דאָזיגער שריט מאַכט ערשט פונ׳ם אַגודיזם אַן אמת׳ע און עכטע פאָלקס־בעוועגונג, וואָס איז בערופען און בעשטימט צוזאַמענצו־

פאָרמען צו״אַן איינהייט די צישפּרייטע גלידער פון דעם יודענטום אונטער דער ממשלה פון דער תורה, וועמענס לעבענס־ווילען און לעבענס־קראַפט ווערט געשפּייזט אונמיטעלבאַר פון די טיפענישען פון דער יודישער פאָלקס־נשמה, וואָס האָט אין אַלע איהרע גלות׳ן בעוויזען דאָס וואונדער־ווערק, אַלס אַן איבער־ערדישער־אָרגאַניזם איבערצולעבען דעם חורבן פון זיין ערדישען אָרגאַניזם. די אויפגאַבע צו פערשאַפען דעם איבער־ערדישען אָרגאַניזם, מעגליכע ערדישע אויסדרוקס־פאָרמען, ד. ה. אַלזאָ נישט נאָר דעם עם־התורה צו שענקען אַן אָרגאַן אָדער אַן אָרגאַניזאַציע נייערט דאָס אַליין איהם, אַלס אָרגאַניזם פון דער ווירקליכקייט, בפועל אין דער געשיכטע צוריקצופיהרען — די דאָזיגע אויפגאַבע שטעלט זיך פאָר אַלס אַזאַ שווערע אַז דורות פון אגודיסטישע מענשען וועלען מיזען אַרבייטען איבער איהר לעזונג. אָבער ווי נאָר דער אַגודיזם האָט זיך גענומען צופאַסען צו דער דאָזיגער אויפגאַבע זענען תיכף ארויסגע־טרעטען פאַר איהם צוויי פּראָבלעמען פון גלייך־צענטראַלען כאַראַקטער, וואָס האָבען מיט דער גרעסטער בולטקייט געוויזען די אינערליכע ענט־וויקלונג, וואָס ער אַליין האָט אַדורכגעמאַכט.

דאָס ערשטע פּראָבלעם איז ארץ ישראל.

דאָס צווייטע פּראָבלעם איז דער יודישע אַרבייטער.

2.

פאַר אַן אָרגאַן פונ׳ם תורה־געטרייען יודישען פאָלק אָדער פאַר אַ תורה־געטרייער וועלט־אָרגאַניזאַציע קען ארץ־ישראל זיין אַן ענין פון איינער פון אַ סך מצוות, וואָס די תורה האָט אויף אונז אַרויפגעלעגט. מאן דאַרף דערין אָהן ספק נישט זעהן קיין פערקלענערונג פון דער בע־דייטונג פון ארץ־ישראל. אַ מצווה וואָס דער אויבערשטער האָט גע־באָטען, מעג ער זיין איינע פון אַ סך, דאַרף פאַר זיך פאָדערן דעם

גרעסטען ערנסט און די העכסטע איבערגעבענקייט. אָבער פאַר דעם אַגודיזם וואָס בעטראַכט דעם עם התורה אַלס לעבעדיגען אָרגאַניזם, איז א״י, אויב אפילו נישט מעהר, וואָס אַן אמת, ווי אַ מצווה, דאָך נאָך עפעס אַנדערש ווי אַ מצווה. די בעציהונג פונ׳ם אגודיזם צו א״י ענטשפרעכט אינגאַנצען דער בעציהונג פונ׳ם לעבעדיגען עם־התורה צו א״י. די דאָזיגע בעציהונג איז נישט בלויז אַן הלכהישע נייערט אויך אַ געשיכטליכע. דער עם־התורה אַלס אָרגאַניזם דורשטעט נאָך א״י ווי אַ הירש נאָכ׳ן וואַסער־קוואַל. ארץ־ישראל איז זיין געשיכטליכער חלל, אָן וועלכען זיין אָרגאַניזם איז קראַנק און קען נישט געניסען די פרייד פון לעבען. כל־זמן זיין אָרגאַניזם טהוט אין ארץ־ישראל נישט זיינע וואָרצלען ארײנשלאָגען, און כל־זמן איבער דער פראַכט פון די אין ארץ־ישראל אויפגעבליהטע בוים־קרוינען קען נישט אַדויפשטראַהלען די הערליכקייט פון זיין ג־ט־מלך אַזוי לאַנג פיהלט זיך דער עם־התורה, וואָס איז דורכ׳ן אַגודיזם דערוועקט צום ערדיש־בעוואוסטען לעבען, קלאָגעדיג צוקאַלעטשעט. די אַגודיסטישע בענקעניש נאָך ארץ־ישראל איז די געשיכטליכע בענקעניש פון אַ פאָלק, וואָס ווייסט אַז עס איז קראַנק — נאָך בריאות, פון אַ פאָלק, וואָס ווייסט אַז עס איז צוקאַלעטשעט — נאָך געזונטע איברים — די דאָזיגע בענקעניש איז אַ היסטאָרישע, ווייל זי איז נישט אינדיווידועל נייערט נאַציאָנאַל, ווייל זי איז נישט פאַסיוו נייערט אַקטיוו, ווייל זי טהוט די צייט געשעהענישען תמיד ווידער אויפכאַפען, כדי זיי אָפצושאַצען מיט׳ן מאַסשטאב פון איהר ציעל, ווייל זי טהוט נאָכיאָגען די צייט געשעהענישען פון דער געגענווארט מיט אַ שטורמיש־קלאפעדיג הארץ — אפשר דאָך! — און ווייל זי טהוט פונ׳ם דאזיגען „אפשר דאָך" ארויסברענגען דעם הכרח צו מאָביליזירען איהר גאנץ יכולת, כדי צו לענקען דאס זיך שאפענדיגע ארץ־ישראל ברוח התורה. פאר דעם געשיכטליך־געוואָרענעם אגודיזם גילט ארץ־ישראל בפועל

אלס דאס חשוב׳סטע פון זיינע געגנעוואַרטס־פּראָבלעמען און די אַקטיווי־טעט, וואָס טהוט דעם עם־התורה דערנענטערען צום בוי פונ׳ם שאפענ־דיגען ארץ־ישראל איז פאַר איהם אַ מאַסשטאב, פון וועלכען ער קען אַרויסלערנען ווי גרויס ס׳איז דער נצחון פון זיין שטרעבען דעם עם התורה צו פערוואנדלען אין אַ ערדיש־לעבעדיגען אָרגאניזם, וואָס איז ביזהער געווען אַ מצומצם׳דיגער.

3.

פאר אן אָרגאן פונ׳ם תורה־געטרייען יודישען פאָלק אָדער פאר אַ תורה־געטרייער וועלט־אָרגאניזאציע קען די סאָציאלע דערשיינונג פון די יודישע אַרבייטער זיין אַן ענין פון צדקה און אַלס אַזעלכע ממילא אַן ענין פון איינער פון אַ סאַך מצוות, וואָס די תורה האָט אויף אונז ארויפ־געלייגט. אָבער פאַרן אגודיזם, וואָס בעטראכט דעם עם־התורה אלס לעבעדיגען אָרגאניזם ווערט דער יודישער ארבייטער אזא שווער און אַקטועל געגנעווארט־פּראָבלעם, וואָס קען נאָר נאָך ארץ־ישראל איהר ביי דער זייט געשטעלט ווערען.

ס׳זענען כסדר נאָך אַליץ פערהאן אַ סאך אגודיסטען אָהן אגודיזם, מענשען, וואָס ליידען נישט פון גרונד אויס קיין שום „נייעסען“ און וואָס רעדען זיך איין אַז זייער שלילה צום נייען געווונגט שוין דאָס דאזיגע אומשעדליך צו מאכען, אז זייער איגנאָרירונג פונם „נייעם“ איז שוין בכוח עס צו פערניכטען, זייענדיג לחלוטין אומגעשיכטליך פרעגען זיי זיך תמיד מיט ערליכען שטויגען: וואָס דען קען די אגודה עפּעס אנדערש וועלען ווי צו פערשפּרייטען אומעטום תורה און יראת־שמים? „זאָרגט נאָר — טענה׳ן זיי — פאר תורה און יראת־שמים אין ארץ־ישראל און אין גלות און אַליץ וועט שוין גוט זיין“.

די וואָס רעדען אזוי — און זיי זענען נישט ווייניג — פערשטיין

באמת נישט די אומדערמעסטליכע סכנה פון אונזער צייט, לויט'ן מהות פונ'ם אגודיזם.

אויף דער גאנצער ערד איז דער נאציאנאליזם געוואָרען געשטארקט אונטער די ווירקונגען פון נייַנצענטען יאָהרהונדערט. ער האט אויף אָ מורא'דיגען אופן פערענגט דעם לעבענס־חלל פון די צושפרייטע זין פון אונזער אומה, ער האט דערוועקט דעם ציוניזם וואס וויל אונזער אומה פערוואנדלען לויטן מוסטער פון ככל־הגויים. דער נאציאָנאליזם פון די פעלקער און דער ציוניזם פון יודען ארבייטען האנד ביי האנד. אונטער דעם דאָזיגען טאפעלטען דרוק איז אונזער אומה געוואָרען ארויסגעשטויסען פון זיין גלות־חלל, וואו זי האט אין בית־המדרש געחלומט, אין דער הארטער ווירקליכקייט אריין אַקעגען ווועלכער זי מוז זיך אַלס פאָלק אָבזונדערן; אָדער אַלס פאָלק פון תורה, אדער אַלס פאָלק ככל־הגויים. די מלחמה צווישען ציוניזם און אגודיזם ברענגט די ענטשיידונג.

וויל דער אגודיזם די דאָזיגע מלחמה בעשטיין — טאָ קען אין דארף ער זיך נישט דערמיט בעגנוגענען זיך דעפענסיוו צו שיצען דורך אַן אָרגאַן אָדער אַן אָרגאניזאציע פאַר דעם אין גלות־דערוואָרבענעם בעזיץ־מצב פון דער תורה, נאר ווען ער איז ביכולת אַקעגענצושטעלען דעם נאציאנאליזם און ציוניזם, אלס געשיכטליכע דערשיינונגען, די תורה אַלס געשיכטליכען פאקטאָר; נאָר ווען ער איז ביכולת די דערוועקונגס־פרובען פון ציוניסטישען פאָלק אַקעגענצושטעלען דעם לעבעדיגען, אין דער געשיכטע טעטיגען עם־התורה — נאָר דעמאָלט האָט ער אויסזיכט אויף נצחון.

אויב נאָך היינט גייט די מלחמה נאָר וועגען די נשמות פון יחידים — טאָ דארף מען דעם אגודיזם נישט דוקא האָבען. ס'קען דעמאלט גענוג זיין, לויטן שטייגער פון די פעטערס אונזערע, צו פערשפרייטען אומעטום תורה און יראת־שמים. היינט אָבער גייט די מלחמה וועגען

דער אומה־בויעט דער אַגודיזם נישט אויף דעם עם־התורה — געפינט דעמאָלט דער ציוניזם לחלוטין נישט קיין שום געגנער אויפן מלחמה פראָנט.

צוליב דעם וואָס דער אַגודיזם מיינט נישט די מענשען נאר דאס פאָלק, שטייט איהם דאָס לאנד פון דער תורה אַזוי נאָהענט ווי דאָס פאָלק פון דער תורה און צווישען די מענשען שטיין איהם אַמנאָהענטסטען די דאזיגע וואָס זענען קודם־כל בערופען און בעשטימט דערצו דעם עם־התורה צו דערווערבען פאר דעם לאנד פון דער תורה אַלס לעבעדיגען אָרגאַניזם: די אגודיסטישע ארבייטער.

דאָס לעצטע דאַרף אָבער אַ קלאָרערע בעגרינדונג.

4.

ס'איז נישט לייכט צו דעפינירען די געזעלשאַפטליכע דערשיינונג פון אַרבייטער אַלס אַזעלכען. ביי די אייראפעאישע פעלקער איז זי געשיכטליך ענטשטאַנען אויפ'ן וועג פון אַ ביסלעכוויז־ווירקענדיגען פערדרענגונגס־פראָצעס. דער שטאַרקער בעפעלקערונגס־צוואוקס און די אינדוסטריאַליזירונג פון די פראָדוקציע־מעטאָדען האָבען אַרויסגעוואָרפען אויף דער גאַס די קליינע פויערען און האַנדווערקער און פון דאָרט זיי אַריינגעטריבען אין די פאַבריקען, זייענדיג אָן יעדע אייגענע פראָדוקציע־מיטלען האָבען זיי געברענגט אין די פאַבריקען נישט מעהר ווי זייערע אויסגעבילדעטע אָדער אומאויסגעבילדעטע הענד. זיי זענען עם די וואָס דאַרפען אַלס אַרבייטער, אין ענגערען זין פון וואָרט, בעטראכט ווערען. פון דעם קלענסטען האַנדווערקער אַפילו טהון זיי זיך אונטערשיידען דורך זייער לחלוטינדיגער ווירטשאַפטליכער אומזעלבסטשטענדיגקייט. פון דעם סיחרישען־אַנגעשטעלטען טהון זיי זיך אויך אונטערשיידען דורך דעם ביי זיי לחלוטינדיגען פעהלען פון יעדען אינדיווידועלען, קאָנטראַקט־שייכות, וואָס זאָל זיין אויסגערעכענט אויף דויערהאַפטיגקייט.

זיי זענען בכלל מינים־סחורות אויפֿן אַרבייטס־מאַרק. זיי ווערען נישט גענומען אַלס פּערזענליכקייט נייערט אַלס צו יעדער צייט אויסטוישבאַרער אַרבייטס־כּוח אין אָהן אונדערמיט־אַריינטרעטענדיגע רעגולירענדיגע מאָמענטען, ווערט זייער אַרבייטס־כּוח בעשטימט לויטן געזעץ פֿון אָנבאָט און נאָכפֿראַגע.

אין דער תורה געטרייער יודישער מחנה פֿון דייטשלאַנד האָט די געזעלשאַפֿטליכע דערשיינונג פֿונ׳ם אַרבייטער געהערט ביז לעצטענס צו די זעלטענע אויסנאַהמען. דער לעבענס־וועג פֿון תורה געטרייען דייטשען יוד האָט רעגעלמעסיג געפֿיהרט ביז פֿאַר דער לעצטער צייט צו סוחר׳ישע אָדער אַקאַדעמישע בעשעפֿטיגונגען.

אַנדערש אָבער איז עס געוועזן אין די לענדער פֿון גרעסערע יודישע ישובים; אַנדערש אייגענטליך איז עס אין פּוילען. אויך דאָרט איז שוין זייט צעהנדליגער יאָהרען אַריינגעטרעטען דער פֿערדרענגונגס־פּראָצעס, וואָס האָט אַ סאַך פֿון זיי אַרויסגעוואָרפֿען פֿון מסחר אָדער האָט זיי איבערגעלאָזט די מסחר־בעשעפֿטיגונג נאָר ביי אַזעלכע אומשטענדען וואָס דערלויבען שוין נישט אויף קיין פֿאַל קיין ראַציאָנעלע ווירטשאַפֿט. האַנד ביי האַנד מיטן דאָזיגען פֿערדרענגונגס־פּראָצעס איז געגאַנגען די פֿעראָרימונג פֿון די יודישע קיבוצים אויף אַנ׳אופֿן, וואָס לאָזט זיך לגמרי נישט שילדערען. ס׳קען געזאָגט ווערע אָהן יעדער גוזמא, אַז די יודישע אומה, וואָס דער אַגודיזם וויל זי פֿערוואַנדלען אין אַ במציאות־לעבעדיגען אָרגאַניזם, איז אַוודאי די אָרימסטע צווישען אַלע קולטור־פֿעלקער. אַ העכסט דינער שיכט פֿון בעזיצענדיגע, ווי כמעט ביז לעצטענס ביי די דייטשע יודען, דאַרף אַוודאי נישט אַריינברענגען אין טעות אין דער הינזיכט לגבי דער מורא׳דיגער אָרימקייט פֿון דעם איבערוויגענדיג־גרויסען טייל פֿון יודישען פֿאָלק.

אויף דעם דאָזיגען פֿערדרענגונגס־פּראָצעס, וואָס איז נאָך היינט

בשום אופן לגמרי נישט איינגעשטילט און אויף דעם כסדר נישט־אָב־
האַלטבאַרען פעראָרימונגס־צוואוקס האָט בעזונדערס די פרומע יודישע
מחנה אין פוילען רעאַגירט אויף אַ פערשיעדענעם אופן. ס׳האָט זיך דאָ
אונטער דער ווירקונג פון הונדערטער יאָהרען האַרטען און ביטערען גלות
ביסלעכווייז ענטוויקעלט אַ נשמה־צושטאַנד, וואָס האָט לגמרי אָבגע־
ווענדעט דעם בליק פון דער טרייסטלאָזען ווירקליכקייט. ער האָט דעם
עולם־הזה צוגעטיילט אַ כסדר׳דיג קלענער חשיבות און האָט זיך אין
גאַנצען פערוואורצעלט אין דער ריינער און הייליגער וועלט פון טעאָריע,
פון וועלכער ס׳איז פערהאַן אַנ׳אומיטעלבאַרע פערבינדונג מיט דער אונז
צוגעזאָגטער און דורך אונז דערוואַרטעטער גאולה־צוקונפט, איבער־
שפרייזענדיג די צרות פון יעדער געגענוואַרט. דער העראָאיזם פונ׳ם
דאָזיגען נשמה־מצב און דער פון איהם אָבשטאַמענדיגער לעבענס־כוח
זענען אומפערגלייכליך. דער דאָזיגער מצב איז געווען און איז די אייגענט־
ליכע פעסטונג פון דער אמונה ודת, וואָס לאָזט זיך נישט איינגעמען
דורך די שונאי הדת און שיצט אויף אַ זיכערען אופן איהרע בעוואוינער,
כל זמן זיי פערבלייבען אינעווייניג אין דער פעסטונג. קוים אָבער ווי זיי
האָבען געוואַגט אַרויסצוגעהן פון דער דאָזיגער פעסטונג זענען זיי נאָך
ביז דער לעצטער צייט פערלוירען געגאַנגען.

אַ טייל פון דער פרומער פוילישער יוגענד איז נאָך היינט אויך
ענטשלאָסען צו שטעלען דעם פערדרענגונגס־פראָצעס אַזאַ ווידער־
שטאַנד, וואָס טהוט נישט אַנערקענען קיין צוגעפאַסטע און געשטייגערטע
בעדייטונג די אומגעהויער שווערע און געענדערטע פערהעלטנישען פון
דער דרך־הטבע׳דיגער מלחמה פאַר׳ן קיום־הגוף. דער דאָזיגער טייל
יוגענד האַלט זיך אָן שאָדען, לגבי דעם ווירטשאַפטליכען אירא־
ציאָנאַליזם, אין דער וועלט פון בית־המדרש און זאָרגט זיך נישט
איבער דער קלאָגעדיגער אויסזיכטלאָזיגקייט פונ׳ם עולם־הזה־מצב דורכן

איינקוקען זיך אין אונזערע גייסטיגע אוצרות און דורכן אויסקוקען די גאולה.

ס'איז קלאָר אַז דער פאָלקס־אויפבויענדיגער אַגודיזם מוז זיין צו־געוועגדעט צו יענער ווירקליכקייט, פון וועמענס גלותקריפלען דער דאָזי־גער געשילדערטער טייל יונגענד טהוט זיך מעהר אָדער וועהניגער אָב־זונדערן. דער אַגודיזם דאַרף נישט צוזאַמענשליסען דעם עבר און עתיד און דאַגעגען איגנאָרירען דעם הווה און אַלע זיינע געשיכטליך־אחריות'־דיגע עפיזאָדען. פאַר איהם גילט, קוקענדיג געשיכטליך, דער הווה אַלס טרייבקרעפטיגע צוגרייטונג פון עתיד און ער מוז איהם פאַר זיך דער־ווערבען ווען ער וויל אַרבייטען פאַר אַן אמת'ן אויפבוי. די תורה איז נישט אין הימעל און איהר קונפטיגע מלוכה איז נישט נאָר אין עולם־הבא. דאָ אויף דער ערד רופט זי נאָך פאָלק און לאַנד. דאָס בית המדרש איז דער מקור פון איהר כוח אָבער נישט דאָס אָרט פון איהר שוץ. אין איהר קינפטיגער מלוכה וועלען אוודאי אויסגעלייזטע גייסטער זיך אָפגעבען מיט דער זיסער מיה פון אויסשליסליכער טעאָריע. אָבער די מאַסע וועט זיי צוטראָגען די פאַרביגע פולקייט פון לעבען, די ווירקליכקייט און איהרע בונטע סתירות, אַז זיי זאָלען מיט זייער רעגירענדיג וואָרט דאָס לעבען געשטאַלטען און די סתירות אויפלעזען אין אַ האַרמאָניע. אין דער ווירק־ליכקייט, אין דעם לעבען פון היינט מוז דער אַגודיזם דעם כוח פון דער תורה אויספּרובען, כדי דערוואקסען צו זיין צו דער גראנדיעזער אויפגאַבע פון מאָרגען.

אָבער די דאָזיגע ווענדונג פונ'ם פאָלקס־אויפבויענדיגען אגודיזם צו דעם מציאות פון דויערענדיגען גלות, וואָס איז אַזוי נויטיג, ווייל דער נאַציאָנאַליזם פון די פעלקער און דער ציוניזם פון יודען טהון איינוואר־פען די גלות פעסטונג פון דער תורה און ווייל די וואקסענדיגע נויט פונ'ם פערדרענגונגס־פּראָצעס טהוט כסדר פרישע מענשען פון דער

פעסטונג אַרויסטרייבען און זיי איבערענטפערען די סכנה פון זיכערער פערדאָרבונג — אַזוי נויטיג ווי די דאָזיגע ווענדונג איז, אַזוי גרויס זענען איהרע סכנות. תורה און ווירקליכקייט דאַרפען ווערען פעראייניגט. אָבער נאָר אַזא ווירקליכקייט דאַרף מען צו דער אויפבויענדיגער ארבייט איינ־שפּאַנען, וואס וועט נישט מיט כוח אַריינשטורמען אין דער תורה־פעסטונג און די תורה בעצווינגען.

נאָר האָבענדיג פאַר'ן אויג דעם כסדר נאָך פערהאַנענעם רעזער־וואואַר פון אַ יוגענד, וואָס בעטראַכט טראָציג און ענטשלאָסען דעם בית המדרש אַלס איהר אייגענטליכען לעבענס־חלל קאָן דער אַגודיזם אויף זיך נעהמען דאָס דאָזיגע נויטיגע געוואַגטקייט. אויב די דאָזיגע יוגענד שטעלט נישט צו די בוי־שטיינער צום אַגודיסטישען פאָלקס־אויפבוי איז זי אָבער פאָרט דער צעמענט, אָן וועלכען ס'דראָהט דעם פאָלקס־אויפבוי פון דער תורה צופאַלען צו ווערען.

אָבער די בוי־שטיינער זענען די אַגודיסטישע אַרבייטער זיי זענען דער טייל פון דער רעליגיעזער פוילישער יוגענד, וואָס שטרעבט דערצו, אין רעזולטאַט פון פערדרענגונגס־פּראָצעס, צו שאַפען אַ נייעם קיום אין דער ווירקליכקייט דורך פּראָדוקטיווער יגיע כפים, וואָס ענטשפּרעכט דעם קיום פונם אַרבייטער־מצב ביי גליקליכערע פעלקער. זיי זענען דער טייל פון דער תורה־געטרייער פוילישער יוגענד, וואָס מאַכט דעם שפּרונג מיט דער תורה אין דעם האַרטען עולם־הזה פון דער געגענוואַרט, כדי צו דערגרייכען פאַר איהם דעם גליקליכערען עולם־הזה פונ'ם עתיד, אויב ס'געלונגט זייער אונטערנעהמונג האָט דער אַגודיזם דערגרייכט אַן'ענט־שיידענדיגען נצחון אין זיין שטרעבען אַוועקצושטעלען די תורה־געטרייע יודישע אומה אַלס לעבעדיגען אָרגאַניזם.

אונזערע יודישע געגנער טהוען זיך שטענדיג דערוויסען מיט גרויס פלייסיגקייט וועגען די אַגודיסטישע אויפטהוען. איך וואקעל מיך נישט

פאָרצוליינגען דעם אגודיסטישען ארבייטער אין פוילען אַלס אַ גרויסען אַגודיסטישען אויפטהו.

טויזענדער יודישע מענשען זענען ארויס פון דער גלות־פעסטונג פון דער תורה און פאַרט זענען זיי נישט געפאַלען אַ קרבן דעם ציוניזם פון די ביידע געשטאַלטען אָדער דעם בונדיזם. דער אגודיזם האט זיי אויפגענומען אין זיין שוים און זיי צוגעפיהרט אַלס קאָסטבאַר פערמעגען צום זיך שאפענדיגען פאָלקס־אָרגאַניזם. אַ נייער יודישער מענשען־טיפ ענטוויקעלט זיך, וואָס קען אָן דער אידעע פון פאָלקס־אָרגאַניזם ברוח־התורה נישט לעבען, פונקט אַזוי ווי די דאָזיגע אידעע אַליין מוז פון דער צווייטער זייט פון איהם בעקומען די שטאַרקסטע אימפולסען.

דער אַרבייטער איז אַלס יחיד גאָרנישט. אַלס אַ מין־סחורה טהוט ער אָנבאָטען זיינע הענד און נאָר אין צבור און דורכן ציבור קען ער זיך דערהאַלטען און אויפטהוען.

דער ארבייטער פון גליקליכערע פעלקער קען זיך שטעלען אונטער דעם שוץ פון זיין מלוכה אָדער מעכטיגער פאָליטישער קלאסען־אָרגאַניזאַציע.

דער אגודיסטישער אַרבייטער האָט זיך אין זיין גאַנצען קיום אַנ־פערטרויט דעם במעשה־בעגריפענעם פאָלקס־אָרגאַניזם פון דער תורה, און דער במעשה־בעגריפענער ממשלה פון דער תורה איבערן לעבען פונם דאָזיגען אָרגאַניזם. פאַר'ן אַגודיסטישען אַרבייטער איז דער אגודיזם נישט קיין ענין פאַר אַרבייטס־פרייע שעה'ן, אָדער סתם אַ קנין פון זיין פערזענליכקייט און אויך נישט נאָר אַ ענין פון פערטיפונג אָדער אויס־ברייטערונג פון זיין יודישען מהות. ער שטעהט און פאַלט גיכער מיט דעם אַגודיזם. און ווען די אגודיסטישע מנהיגים ווערלען וויסען מיט דעם אגודיזם זיך ריכטיג צו בענוצען האָבען זיי אין דער אַגודיסטישער אַר־בייטערשאפט געוואונען אַ מלחמה־מחנה, וואָס וועט נישט זיך אָבזאָגען

פון קיין שום קרבן ווען ס'האַלט דערביי צוצוגרייטען דעם וועג פאַר דער אידעע.

אַזוי ווי ס'איז ראוי צו בעוואונדערען דעם העראָאיזם פון די אגודיסטישע צעירים אין פוילען, וואָס שטעהען וואַך אין דער גלות־פעסטונג פון דער תורה, אַזוי איז אויך ראוי צו בעוואונדערען דעם העראָאיזם פון די אַגודיסטישע פועלים אין פוילען, וואָס האָבען געוואַגט אַרויסצוגעהן פון דער גלות־פעסטונג פון דער תורה, כדי דורך דעם אַגודיזם אויפצובויען זייער לעבען און מיט זייער לעבען דאָס פאָלקס־לעבען ברוח התורה.

5.

נאָר מיט טיפער דערשיטערונג קאָן איך מיך ווידער פערטראַכטען איבער דער דריטער לאַנד־קאָנפערענץ פון דער פוילישער פועלי אַגודת ישראל, אין וועלכער כ'האָב געהאַט דעם כבוד אַנטיילצונעהמען.

וואָס כ'האָב דאַ איבערגעלעבט איז געווען די אויפגעכאַפטע וויזיע פונם תורה־געטרייען יודישען פאָלק אַליין, וואָס טהוט אַריינדרינגען אין דער ווירקליכקייט, אין דער געשיכטע אונטער טויזענדער עינויים.

„כל ישראל הם בני מלכים“ (אַלע יודען זענען פרינצען). בני מלכים, וואָס האָט פון זיי געמאַכט דאָס ביטערע האַרטע און לאַנגע גלות? — און פאָרט: — ווי האָב איך אייך געזעהען אין אייער גאַנצער, גרויסער דחקות, ווי האָב איך אייך געהערט אין אייער קינדיש־ריהרענדיגען יודיש, די שפּראַך פון אונזער גלות־לעבען; ווי האָב איך בעאָבאַכטעט אייערע אומגעהויערע העוית, אייער אומדערמעסטליכען טעמפעראַמענט, מיט דעם כסדר אויפקלינדיגען וויץ, מיט דעם כסדר זיך דורכשלאָגענדיגען גמרא־גייסט? — שעה'ן לאַנג האָב איך געקענט געשפאַנט אונטערהערען, אייערע צרות און אייערע בעקלאָגען זיך, אייערע פאָרוואורפען און אייערע אָנגריפען, אייערע פלענער און

אייערע פאָרשלאַגען און איך האָב כסדר אין מיר געפיהלט דאָס שטאַרקערע און זיכערע וואַקסען פון דער הכרה, אַז דאָס פאָלק פון בני מלכים אין זיין אומדערהערטער אייגענאַרט טהוט אין אייך און דורך אייך ענטשטעהען און אַז ס'איז אַ גרויס גליק אייך צו דאַרפען צו העלפען.

די קלאַס פון די תורה־אַרבייטער, וואָס האָט נישט קיין אַנדערען שוץ ווי דעם שוץ פון דער תורה — און צי איז דען נישט די תורה אַליין אין גלות? — איז מודיע איהרע תביעות דעם זיך שאַפענדיגען תורה־אָרגאַניזם און שטרעבט צום ריכטיגען מקום צו לאָזען הערען איהר שטים אינערהאַלב דעם אָרגאַניזם פון דער תורה. און רעדנער נאָך רעדנער וואָס קומען דאָ צום וואָרט — אַ טייל פון זיי זענען גאַנץ גוטע רעדנער — ווייסען און זאָגען עס אַרויס אַז די דאָזיגע אַלע פראגען זענען אמת'ע לעבענס־פראַגען. אין נאָמען פון דער תורה פאָדערען זיי אַרבייט ביי די פאַבריקאַנטען פון תורה־פאָלק; אין נאָמען פון דער תורה פאָדערען זיי אַ געהעריגען חלק סערטיפיקאַטען, די געהעריגע שטיצע מצד דער לאַנדס־צענטראַלע. ביי דעם גאַנצען אָבוואַרפען די טעאָריע פון קלאַסען־קאַמף זענען אָבער אינטערעסען־סתירות פערהאַן אָהן ספק, אַזוי לאַנג ווי די תורה האָט נישט דעם צוואַנגס־כוח צו שאַפען די האַרמאָניע. זיי פאָדערען דעריבער פאַר זיך דאָס רעכט צו זיין אין די ראַהמען פון דער אגודה פאָליטיש און עקאָנאָמיש אויטאָנאָם.

ווען די אגודה־אָרגאַנען אָדער אָרגאַניזאַציע וואָלטען נישט געווען מעהר ווי פון שאַבלאָנעם כאַראַקטער, וואָלט זיך די דאָזיגע שטורמישע לאַנדס־קאָנפערענץ מיט זיי שטאַרק איינגעריסען. רובם ככולם האָבען זיך די קאָנפערענץ־בעטייליגטע ענטשידען מיט אַ אומבעריירבאַרען אינ־סטינקט פאַר דער אגודה. דערמיט האָט זיך די לאַנדס־קאָנפערענץ בע־קענט צו דער אגודה, אַלס אָרגאַניזם פונ'ם עם־התורה.

אויף די פיהרער פון דער אגודה ליגט אַלזאָ דער חוב צו בערעכ־טיגען דאָס פערטרויען פון די תורה־אַרבייטער.

6.

פאַר שווערע אויפגאַבען שטעהט די נייע הנהלה פון פא״י, וואָס איז אויסגעוועהלט געוואָרען אויף דער לאַנדס־קאָנפערענץ. ס'איז יעצט שוין דרייצעהן יאָהר זייט די אָרגאַניזאַציע עקזיסטירט: גרינדונגס־יאָהרען, יאָהרען פון קינדער־קראַנקהייטען, די לאַנדס־קאָנפערענץ האָט בכובד ראש נאָכגעשטימט דעם בילאַנס פון די דאָזיגע יאָהרען און זיי ענט־גילטיג אָפגעשלאָסען, פאַר דעם נייעם געשעפטס־פעריאָד האָט זי מיט אומדערבאַרמליכער זעלבסט־קריטיק געבוכט אַ טאָפּעלטען דעפיציט: אַ דעפיציט פון פראַקטישע לייסטונגען און אַ דעפיציט פון גייסטיגע דער־גרייכונגען, ס'וועט זיין דער ערשטער עיקר'דיגער חוב פון דער נייער הנהלה צו דעקעןביידע דעפיציטען במשך איהר אַמטירען.

אונזערע פועלים וועלען זיך האָבען צו בעפרייען פון דער אילוזיע, אַז זיי וועלען קענען דערגרייכען בעדייטענדיגע נוצען דורך דער בע־טייליגונג אין דער אַלגעמיינער פאָליטיק. אַ סאַך וועזענטליכער דאַרף זיין די גרינדונג און אונטערשטיצונג פון די יודישע געוועקשאַפטען און די הנהלה מוז דערביי לענקען איהר גרעסטע אויפמערקזאַמקייט, אַז די דאָזיגע פראָפעסיאָנעלע פעראיינען זאָלען די תורה רעספעקטירען און זיך האַלטען אינגאַנצען דערווייטענס פון פאָליטיק. די הנהלה מוז דערפאַר זאָרגען אַז אַלע אָרטס־גרופען זאָלען האָבען אמת־פעהיגע און זאַכליכע פערוואַלטונגען און זי מוז, עווענטועל דורך קרייז־הנהלות, כסדר האָבען די השגחה איבער דער פראַקטישער טעטיגקייט פון די אָרטס־גרופען. די פערוואַלטונגען פון די אָרטס־גרופען דאַרפען קודם־כל זיך פערנעמען מיט זייער פליכט פון שאַפען אַרבייט. ס'מוזען צוזאַמענגשטעלט ווערען

סטאַטיסטישע ציפערען, וואָס זאָלען געגוי אָנווייזען אויף די ערפאָלגען פון שאַפען אַרבייט. דאָס פראָבלעם פון „עבודה עברית“, וואָס איז אין פוילען אַזוי ברענענדיג ווי אין א״י, מוז אַרויסגעהויבען ווערען פון דער ספערע פין בלויזע דעמאָנסטראַציעס. אויך שטאַרקע ווערטער נוצען זיך אָפּ און זענען קיינמאָל נישט קיין סימן פין שטאַרקייט. מען דאַרף נישט פערזוימען צו בעאַרבייטען די פאַבריקאַנטען ביחידות און פערזענליך. מ׳דאַרף געווינען פאַר דער בעוועגונג איינפלוסרייכע פערזענליכקייטען, מיט א נאָמען און אָנזעהן, וואָס זאָלען שטעהן אומאויפהערליך אין פער־בינדונג מיט די פאַבריקאַנטען וואָס האָרכען זיי און די פאַבריקאַנטען אַזוי נאָך ביסלעכוויז אויפטרייסלען. די הנהלה מוז אויסער דעם טראַכטען ווי אַזוי צו קימען אין דירעקטער פערבינדונג מיט די פיהרענדיגע חסידישע פערזענליכקייטען, כדי אויך זיי זאָלען זאָגען אַ שטאַרק וואָרט, געשטיצט אויפ׳ן אויטאָריטעט פון דער תורה בפני כל עם ועדה און דערביי אויך פּריוואַט ווירקען אויף די איינצעלנע פאַבריקאַנטען. אַ סטאַטיסטישע איבערזיכט דאַרף ווערען צוזאַמענגעשטעלט איבער די פאַבריקאַנטען און די צאָהל ביי זיי בעשעפטיגטע פועלים און זי כסדר האָבען גרייט. אויך די לאַנדס־צענטראַלע און די וועלט־עקזעקוטיווע וועלען זיך דאַרפען מיט דער דאָזיגער פראַגע בעשעפטיגען, וואָס ענטהאַלט אין זיך נישט קיין קלענערען ענין, ווי די עקזיסטענץ פון אַ סאַך טויזענדער עהרליכע מענשען. יעדע אָרטס־גרופּע מוז האָבען אַ גמילת־חסדים קאַסע און, אויף וויפיעל ס׳איז דערפאַר נישט געזאָרגט פון אַן אַנדער זייט, אויך לייסטען אונטערשטיצונגען פאַר קראַנקע און אַרבייטסלאָזע. — ס׳דאַרף אויס־געשטעלט ווערען קוואַליפיצירטע אַרבייטער. די אָרטס־גרופּע דאַרף אָנ־געוויזען ווערען צו גרינדען טעכנישע אויסבילדונגס־ און פאָרטבילדונגס־קורסען, און אויב אַפילו די מיטלען דערצו זאָלען אין אָנהויב געדעקט ווערען דורך קאָנטראַקטירטע התחייבות׳ן. דער אגודיסטישער פועל מוז

זיך ערווערבען דעם רום פון בעזונדערער טיכטיגקייט און פאַך־זיכערקייט. די אָרטס־גרופען דאַרפען נישט סובל זיין צו לאָזען אין אויבענאָן פון דעם מקצוע אַזעלכע עלעמענטען, וואָס זענען מסוגל צו שטעלען אין סכנה דעם דאָזיגען גוטען נאָמען פון פאַך־קוואַליפיצירטקייט.

אין גייסטיגער הינזיכט וועט עס קודם כל דאַרפען דערגעהן צו דעם: אויסצובילדען ביסלעכווייז אַן אינערליך־געשלאָסענעם איינהייטליכען טיפ פון אַגודיסטישען פועל. ס'איז נאָך נישט בעזייטיגט די סכנה, אַז דער אגודיסטישער פועל זאָל זיין בלויז אַ סאָציאַליסט פון אַלגעמיינעם כאַראַקטער, מיט אַ פריוואַטער אָרטאָדאָקסישער לעבענס־אויפפיהרונג. קיין עכטער אַרבייטער קען נישט לעבען אָהן וועלט־השקפה וואָס זאָל ענטגעגענשטעלען די זאַכען אַזוי ווי זיי זענען, די זאַכען ווי זיי דאַרפען זיין און ווי זיי וועלען טאַקע אַמאָל ווערען. אויב ס'וועט דעם פועל נישט געגעבען ווערען דער אגודיזם, אַלס במציאות־לעבעדיגע וועלט־אנשויאונג טאָ וועט ער רעטונגס־לאָז אַריינפאַלען גייסטיג אין דעם תורה־פרעמדען סאָציאַליזם און נאָך דער פערפרעמדונג פון גייסט מוז נאָכקומען בהכרח די פערפרעמדונג פון מעשים. קיינער קען נישט וועניגער פערטראָגען און סובל זיין קיין סתירות ווי דער אַרבייטער. דאָ מוז די הנהלה און די איהר־אונטערגעוואָרפענע אָרגאַנען לייסטען שלמותדיגעם און פולעס. אָהן רחמנות מוז אַרונטערגעריסען ווערען די אוטאָפיע פון מאַרקסען, וואָס ערוואַרטעט די גאולה פון אַרבייטער פון דער אימאַנענטער ממשלה פון די טויטע ווירטשאַפטס־געזעצען, וואָס טרייבען צו דער קאַטאַסטראָפע פון קאַפיטאַליזם כדי צו מאַכען פלאַץ פאַר דער מלוכה פון די אַרבייטער. אָהן רחמנות דאַרף פאַר דעם אגודיסטישען פועל בעצייכענט ווערען אַלס שגעון־לעהרע די אָן־מאַרקס'ן פערקנופטע געצענדינערישע פערעהרונג פון דער ווירטשאַפט, אַלס אַ גלייכגעשטעלטע דער נאַטור, וואָס ווערט געפיהרט דורך אויטאָנאָם־הערשענדיגע

כוחות און איז נישט בעדינגט פון די פעראַנטוואָרטליכע, פרייע מענשליכע מעשים. דער דאָזיגער שגעון־טעאָריע דאַרף ענטגעגנגעשטעלט ווערן די יהדות׳דיגע תורה איבער דער פרייהייט פון ג—ט, דער פיהרער פון דער וועלט און ממילא פון דער ווירטשאַפט און איבער דעם פרייען ווילען פון די מענשען פון דער ווירטשאַפט. ס׳דאַרף קלאָר ווערען ווי די דאָזיגע מאַרקסיסטישע תורה פיהרט צו אַזאַ מאַטעריאַליזם, וואָס טהוט פולשטענדיג אונטערגראָבען די יסודות פון יהדות. די בעקעמפונג פון דער דאָזיגער מסוכנ׳דיגער תורה דאַרף נישט גענומען ווערען לייכט. ס׳איז נישט גענוג זי סותר צו זיין אַלס אַנ׳אוניודישע. דער אגודיסטישער פועל דאַרף זיך בעקענען מיט די יסודותדיגע בעגריפען פון דער ווירטשאַפטס־לעהרע און ער דאַרף ווערען בכוח צו געבען אַ געהעריגע תשובה דעם געגנער, וואָס ער טרעפט שטענדיג אויף דער גאַס און אין דער פאַבריק. זיין אָפּוועגד־כוח דאַרף זיך נישט בלויז שטיצען אויף דער אויטאָריטעט פון דער אמונה נייערט ער דאַרף אויך זיך נעהמען פון אַליין־דערוואָרבענער איבערצייגונג. און סוף־כל־סוף מוז ער ביכולת זיין די אגודיסטישע וועלט־השקפה אַקעגענצושטעלען דער מאַרקסיסטישער.

די אגודיסטישע וועלט־השקפה פונ׳ם פועל קען זיך נישט בעגעהן אָהן דער ידיעה פון די מקורות־היהדות. דער פועל מוז קודם־כל „לערנען“ און ווען ער האָט שוין אין זיין יוגענד־צייט געלערנט טאָ מוז ער ערשט אמת ווייטער לערנען. די הנהלה מוז מיט דער גאַנצער שטרענגקייט ווירקען אַז אַלע אָרטס־גרופען זאָלען זאָרגען דערפאר אַז ס׳זאָל געגעבען ווערען זייערע מיטגלידער די געלעגענהייט צו ערפיהלען די דאָזיגע ערשטראנגיגע פליכט און אז זיי זאלען אויך די זיי פאָרגעלייגטע געלעגענהייט אויסנוצען. דער אגודיסטישער פועל דארף נישט ווערען קיין גייסטיגער פראָלעטאַריער. נאָר דאָס „לערנען“ קען איהם פערשאפען אַ גוטען בילדונגס־יסוד. ס׳איז פאַר מיר געווען אַ גרויסע שמחה, צו

זעהען אויף דער לאנדס־קאָנפערענץ אַז ס'געפונען זיך צווישען אונזערע פועלים עכטע און אמת'ע „בני תורה“. ס'וואָלט געווען געווינשען אַז דאָס „לערנען“ פון די פועלים זאָל זיך בעציהען אין אַ העכערער מאָס אויף דער געגענוואַרט אין איהר ווירקליכקייט. אַלזאָ: תנ"ך אַלס שטאָלונג פונ'ם אורטיילס־כוח אין שייכות מיט דער ערקלערונג פון די איינגעפלאָכ־טענע גייסטיגע פראַגען פון דער יעצטיגער צייט; תלמוד אַלס גילטענדיג געטליכער משפט־סיסטעם פאַר דעם מענשליכען צוזאַמענלעבען, וואָס האָט זיך נישט געשאַפען פון די ווירטשאַפטליכע פענאָמענען, נייערט איז בעשטימט זיי צו בעהערשען און אין זייער המשך'דיגען וועקסעל זיי כסדר צו פאָרמען פונדאָסניי.

האַנד ביי האַנד מיט'ן נישט אויפהערענדיגען „לערנען“ מוז געהן, די ספעציפיש אַגודיסטישע ערציהונג פונם פועל. זי איז נישט מעגליך אָן דעם אַריינבליק אין דעם געשיכטליכען מהות פונ'ם יהדות און דעם יודישען פאָלק. דאָס דאָזיגע ווידער איז אויך נישט מעגליך אָן דעם אַריינבליק אין דער געשיכטע בכלל. דאָ מעג דער לערנציעל געשטעלט ווערען אַזוי הויך ווי נאָר מעגליך. דער פועל מוז בעגרייפען די טיפע טראגיק פון דער מענשען און פעלקער־געשיכטע. ער מוז פערשטעהן אז דער עטישער קערן פונם סאָציאליזם אין זיין לעצטען סוף איז די אומ־געשטילטע בענקעניש פון די מענשען נאָך משפט און גערעכטיגקייט. משפט און גערעכטיגקייט אָבער זענען דעם אויבערשטענס סודות וואָס קענען נאר געפונען ווערען אויפן וועג פון ג—ט, וואס איז נאָך דער ירידה פון דער מענשהייט געוואָרען אנפערטרויט דעם פאלק פון ג—ט פון אברהם. דער פועל מוז וויסען אז דער סאציאליזם אין זיין לעצטען סוף, איז טראץ זיין לבוש פון וויסענשאפט, אין וועלכען ער טהוט זיך אזוי גערן איינהילען, פארט אַ זאך פון אמונה; זיין לעהרע איז אין טיעפסטען יסוד אַ גאולה לעהרע. מיר אָבער ווייסען עס בעסער פון טויזענדער יאהרען:

נישט דער סאציאליזם נייערט דער איבערשטער אַלס מלך פון די פעלקער איז עס דער, וואס טהוט דורך זיין משפט און גערעכטיגקייט די פעלקער אויסלייזען און ער איז דער שוכן בציון וואס וועט, דורך זיין תורה, זיין פאלק און זיין לאנד בעפרייען פון די קייטען פון געוואלט און אונטער־דריקונג. דער אגודיזם דארף באמת נישט אָפּשוואכען ביים פועל דאָס געפיהל פאר דעם גרויסען סאציאלען אומרעכט, וואס צושפרייט זיך אויף דער גלות־ערד, אדער גאָר די תורה צו מיסברויכען אַלס „רעליגיע", כדי צו האַמעווען זיין עמפּערונג איבערן סאציאלען אומרעכט. אָבער ער דארף איהם די אויגען עפענען אויף דעם, אַז קיין נאציאנאַל־עקאנאמישע טעאריע איז נישט ביכולת צו לעזען דאס סאציאלע פראבלעם פונם עם־התורה; נייערט ערשט די געטליכע מלוכה לעתיד, וואס וועט ברענגען די רפואה פארן נאציאנאַלען ליידען פונם עם־התורה, וועט אויך מאַכען אַ סוף צו זיינע סאציאַלע ליידען. און דא איז די שטעל וואו דער אגודיזם לאזט צונויפאַלען דאס פראבלעם פונ׳ם פועל מיטן פראבלעם פון א״י.

דאָס איז דערפאַר ווייל דער אַגודיזם שטעלט נישט אַוועק פאַר דעם פועל די צייט פון מלכות־שדי לעתיד אַלס אַנ׳אידעאַל, וואָס מ׳דאַרף דערוואַרטען אָהן מעשים נייערט פאָדערט אים אויף זיין לעבען מקדיש צו זיין, סיי אין ארץ־ישראל און סיי אין גלות צו ברענגען די דאָזיגע געטליכע מלוכה פון דער צוקונפט. דער אַגודיזם טהוט אויסשפרייטען די פערזענליכע ליידען פונם פועל אַלס נאַציאָנאַלע ליידען און דערווייזט איהם אַז דער שורש פון זיינע פערזענליכע ליידען און די ליידען פון זיין פאָלק איז איין און דער זעלבער: די דערוויטערונג פון אויבערשטען אין גלות. דער אַגודיזם טהוט אויסברייטערן די פערזענליכע האָפנונג פונ׳ם פועל אַלס נאַציאָנאַלע האָפנונג, אין וועלכער ער לערענט איהם אַז נאָר די ג—ט נאָהענטקייט פון דער תורה־מלוכה אין ציון וועט אין

איין און דעמזעלבען טאָג ברענגען די דערפילונג סיי פון זיין פערזענליכער און סיי פון זיין נאַציאָנאַלער האָפנונג. דער אַגודיזם לערענט דעם פועל צו ברענגען אין אוממיטעלבאַרער פערבינדונג די שווערע צייטען פון הווה מיט דער קינפטיגער ג—ט־מלוכה און מאַכט דעם אויפבוי פונ׳ם עם־התורה אין ארץ־ישראל און אין גלות אַלס זיין לעבענס־אויפגאַבע. דער אַגודיזם עפענט דעם פועל די אויגען פאַר דער אומדערמעסטליכער בעדייטונג פון זיין פערזענליכען קיום אין זיין גאַנצער אָרימקייט און מאַטעריעלער מצומצם׳דיגקייט, די תורה בעוואוסטזיניג אין לעבען אריינ־צוטראָגען, די תורה בעוואוסטזיניג אין לעבען צו היטען, דעם נייעם טיפ פון אַ תורה־אַרבייטער צו פאָרמען, וואָס איז מיט אַלע פעדים פון זיין קיום פערוואָרצעלט אין דער צוקונפטיגער ג—ט־מלוכה — דאָס אַלץ הייסט: ענטוויקלען דעם עם־התורה אַלס אָרגאַניזם און לעבען אַ גע־שיכטליך לעבען. דער אַגודיזם שיצט דעם פועל פאַר דער ענגהאַרציג־קייט פון קלאַסען־קאַמף און קלאַסען־שנאה. דער אָרגאַניזם פון דער תורה איז אַנ׳אומטיילבאַרע איינהייט אָבער די הארטקייט פונ׳ם יודישען אַרבייטס־געבער, וואָס פערשליסט זיין פאַבריק פאַר׳ן פועל; די תאווה צו ריווח פונ׳ם אונטערנעהמער, וואָס גענאַרט דעם פועל אין זיין לוין; די מיאוסע ליידענשאַפט פון די שפעקולאנטען, וואָס שפילען זיך מיט׳ן רינגענדיגען מענשען־שוויים; די בעזיץ פערגעטערונג פון די נישט דער־זעטיגטע עשירים, וואָס לייגען זיך אָן גיטער אויף גיטער און זאַמלען רייכטימער אויף רייכטימער — דער אגודיזם לערענט דעם פועל צו בע־טראכטען די דאזיגע אַלע סאָציאלע דערשיינונגען אַלס אמת׳ע שטרויכ־לונגען אויפ׳ן וועג פון דער קומענדיגער ג—ט מלוכה און זיי צו בעקעמפען אָן פערזענליכען האַס און אָן פערזענליכער קנאה אין נאָמען פונ׳ם עם־התורה אין דער קומענדיגער ג—ט מלוכה. דער פועל, וואָס קעמפט אינער־האלב דער אגודה פאר דעם תורה־משפט און תורה־גערעכטיגקייט,

שטרעבט נישט צו קיין קלאסען־ציעל נייערט צום אלגעמיינעם ציעל פון תורה־אָרגאניזם.

אויף אזא אופן מאַכט דער אַגודיזם פון פועל אין זיין גאנצער אָרימקייט און מאַטעריעלער מצומצם׳דיגקייט, אַ פרייען און שטאָלצען יודישען מענש. ער פערשאפט זיין לעבען כבוד און גיט איהם סטיל און האלטונג. ער דערלאנגט איהם די ג—ט מלוכה פון דער צוקונפט אַלס היימאַט פון דער נשמה און אַלס שטרעב־ציעל פון דער נאַציאָנאַלער און צוגלייך אויך סאָציאַלער גאולה. דער אַגודיסטישער פועל און דאָס אַגודיסטישע ארץ־ישראל זענען גלייך אין מהות. דער אַגודיסטישער פועל בויט אויף אין זיך אַליין און מיט זיך אַליין, דורך זיין לעבען אין זיין צוציהונגס־כוח דעם אָרגאַניזם פון דער תורה, אין וועמען ס׳נויטיגט זיך דאָס אַגודיסטישע א״י און וועלכער איז נישט דענקבאַר אָן דעם אגודיסטישען ארץ־ישראל. ער בויט איהם אויף, זוכענדיג דערביי אין זיך צו פערקערפערען יעדע איינהייט וואָס איז געווען די פלאַמענדיגע בענקעניש פון אַלע אונזערע נביאים: די איינהייט פון תורה, געזעלשאַפט און נאַציע.

כדי דעם דאָזיגען אַגודיזם אין די הערצער פון די פועלים איינצו־פלאַנצען וועט די נייע הנהלה מוזען צוטראַכטען בעזונדערע מיטלען. דאָס וואָכענבלאט פון די פועלים וועט דאַרפען פערגרעסערט ווערען אין כמות און אין איכות און וועט מוזען געשטעלט ווערען אין דיענסט פון דער אידעע. קודם כל דאַרפען אויך ווערען איינגעאָרדענט די פיהרער־קורסען. אָן ארבייטער־פערזענליכקייטען, וואָס זענען דורכגעדרינגען גענצליך מיט דער אידעע פונ׳ם אַגודיזם האָט די בעוועגונג נישט קיין צוקונפט. אַז ס׳זענען פערהאַן געוויסע כוחות, וואָס זענען ראוי דערצו — דערין האָב איך מיך פערזענליך איבערצייגט. זיי דאַרפען אָבער ענט־וויקעלט ווערען און געפיהרט ווערען אין ריכטיגען וועג, אָפטערע קרייז־

קאָנפערענצען מוזען כסדר וועקען צו דער ארבייט. אַרומפאָהרענדיגע רעדנער, וואָס זענען אַליין איבערצייגטע און פעהיגע אַגודיסטען מוזען אַריינטראָגען אין אַלע אָרטס־גרופען די שטים פון אַרבייטער־אַגודיזם. אומנוצליכע, כוחות צו־רויבענדיגע מלחמות מוזען מיט דער גאַנצען פעסטקייט, ווען מ׳דאַרף עס, אין די לעצטע וואָרצלען אויסגעראָט ווערען, דורך די העכערע אינסטאַנצען. די לאַנדס־צענטראַלע און אויך די וועלט־עקזעקוטיווע מוזען אין דעם צוהעלפען.

8.

אויך די לאַנדס־צענטראַלע און די וועלט־עקזעקוטיווע שטעלט די לאַנדס־קאָנפערענץ פאַר שווערע אויפגאַבען.

די אגודה שטייט נישט אין דיענסט פון אנ׳איינצעלנעם שטאַנד און זיינע בעזונדערע אינטערעסען. די אַלגעמיינע אינטערעסען פונ׳ם עם־התורה בעשטימען איהרע מעשים און דער אָרגאַניזם פונ׳ם אַלגעמיינעם עם־התורה איז איהר ציעל. דאָ ווי דאָרט זענען צדק און משפט פון דער תורה איהרע העכסטע וועגווייזער. ס׳וואָלט געווען פאַטאַל פאַר דער גאַנצער אגודיסטישער ענטוויקלונג, ווען ס׳וואָלט זיך אפשר ביסלעכווייז אויסגעוויזען אַז די אַלגעמיינע לאַנדעס־אָרגאַניזאַציע פערטרעט די אינטערעסען פון די „בירגערליכע״ איינזייטיג און געגענזעצליך דער אָרגאַניזאַציע פון די פועלים, וואָס שיצט די אינטערעסען פון די „דעקלאַסירטע״. אין דער ערשטער רייהע מוז פעסטגעשטעלט ווערען נאָכמער ביי אַלע פראַקטישע פראַגען פון פאָליטישען אוןווירטשאַפטליכען כאַראַקטער, צו וועלכע די אגודה האָט צו נעמען שטעלונג, אויב דער צדק און משפט פון דער תורה, אויב דער דעת־תורה געבען נישט קיין ריכט־שנור, וואָס דאַרף זיין מאסגעבענדיג פאַר ביידע אָרגאַניזאַציעס. ס׳וועט זיך דאָ נישט קענען האַנדלען איינפאַך אין „טרוקענעם״ דין.

גיכער וועט דאָ אין זין פון אגודיזם מוזען בעטראַכט ווערען ערנסט וואָס ס'איז צום נאָנטסטען דעם אידעאַל־בילד פון דער תורה און וואָס ס'איז אממייסטען נוצלעך דעם כלל־ישראל. דער אגודיזם וועט נישט קענען האַלטען פאר לויבענסווערט, אַז די גענענזייטיגע בעציהונגען צווישען די יודישע פאָלקס־טיילען זאָלען געשטעלט ווערען אויפ'ן „מדת הדין". ציון און ירושלים זענען שוין איינמאָהל דערפון חרוב געוואָרען. עס וועלען דעריבער די לאַנדעס־אָרגאַניזאַציע און די אָרגאַניזאַציע פון די פועלים זיך דאַרפען דערווערבען אַ פערשטענדיגונג לויט דעם דעת־התורה און סקיצירטען זין קודם כל וואָס נוגע אַלע וויכטיגערע פראַגען פון עקאָנאָמישער אָדער פאָליטישער אַרט. נאָר ווען מ'וועט נישט קענען דערגרייכען קיין גלייכוועטיגע און פאַרביידע צדדים בינדענדיגע החלטות — און דאָס דאַרף אין וויכטיגערע ענינים זעהר זעלטען פאָר־קומען — מעג דעמאָלט יעדען צו איבערגעלאָזט ווערען די פרייהייט צו האַנדלען לויט זיין איינזעהן.

די לאַנדס־אָרגאַניזאַציע מוז דער אָרגאַניזאַציע פון די פועלים דערלאַנגען יעדע מעגליכע שטיצע! צווישען דער הנהלה פון דער לאַנדס־אָרגאַניזאַציע און דער הנהלה פון פועלים מוז זיין אַ שטענדיגע פער־בינדונג. די בעציהונג מוז ווערען און בלייבען אַ געגענזייטיג פערטרויענס־פולע. דער פועל האָט אַ פיין געפיהל פאַר יושר און משפט. ער מוז זיך אומבעדינגט קענען דערויף פערלאָזען אַז ער ווערט בעהאַנדעלט אינערהאלב דער אגודה, אונטער אַלע אומשטענדען, יושר'דיג. זיפצענדיג און ליידענדיג אונטער דער בייטש פון דעם אומרעכט, וואָס הערשט אויף דער גלות־ערד, זאָל ער אין זיך טראָגען די זיכערקייט, אַז וועניג־סטענס אין דער אגודה געשעהט נישט קיין אומרעכט, אַז וועניגסטענס אין דער אגודה שיצט אים דער אָרעם פון דער תורה. די לאַנדעס־צענ־טראַלע וועט זיך מוזען מיט אַלעם בעמיהען, אז דאָס געפיהל פון רעכט־

זיכערקייט אינערהאלב דער אגודה זאל זיך ביי די פועלים קרעפטיגען און דערהאלטען.

אויך די רבנישע אויטאריטעטען פון לאנד וועלען דארפען די פועלים שענקען א גרעסערע אויפמערקזאמקייט. עס קען נישט אפט געננוג דערויף אנגעוויזען ווערען אז די תורה קען נאָר אויסאיבען איהר הערשאַפט איבער'ן לעבען ווען די טרעגער פון דער תורה קענען דאָס לעבען. ס'מוזען זיך געפונען רבנישע אויטאָריטעטען וואָס זאָלען זיך מאַכען פון אייגענער דערפארונג אַנ'אנשוויליך בילד פון דער לאגע פון די פועלים, גרינדליכער שטודירען זייערע בעזונדערע ווירטשאפטליכע דאגות און ווירטשאפטליכע פראָבלעמען און צו זיי צוגעהן און ענגערער, גייסטיגער און נשמה'דיגער בעציהונג. ווען אויף דער שלום-זיצונג פון דער לאנדס-קאָנפערענץ נאָך אַ גאנצער אפגעמאטערטער וואָכנאכט האט 4 אזייגער פארטאגס נאכאמאל גענומען ס'וואָרט אַ רב און זיינע אויס-פיהרונגען פון דער קאָנפערענץ זענען אויסגעהערט געווארען מיט טיפען רעספעקטפולען שווייגען, האָב איך געקענט דערקענען אז דער כבוד התורה האט אין די הערצער פון די פועלים טיעפעווארצלען. דאס איז א קאפיטעל פון דער תורה, וואס וועט מוזען ווערען זארגפעלטיג אָנ-געפיהרט פון איהרע טרעגער.

נישט שטענדיג קען עס אָבער געלונגען צו פערמיידען רייבונגען צווישען דער לאנדס-ארגאניזאציע און די פועלים, אפילו ווען אַ קלארער סטאטוט רעגעלט די בעציהונגען, ס'ווייזט זיך מיר דעריבער אויס אומ-בעדינגט אז די וועלט-עקזעקוטיווע וועט זיך אינטענסיווער בעשעפטיגען מיט'ן אגודיסטישען פועל, ווי ס'איז געווען ביזהער דער פאַל, דער פועל אויך דער איהם אין מהות קרובישען הכשריסט פון „נוער אגודתי" אין דייטשלאנד מוז וויסען אז די וועלט-עקזעקוטיווע בעשטייט אַלס העכסטע פערוואַלטונג-אינסטאַנץ, אין וועמענס נייטראליטעט ס'איז לחלו טין

נישט צו צווייפלען, דער וועג פון פערקלאָגען זיך ביי דער וועלט־עקזעקוטיווע מוז שטעהען אָפען פאַר דער אָרג. פון די פועלים, אָבער אויך פון אייגענער איניציאטיווע וועט די וועלט־עקזעקוטיווע זיך פעראינטערעסירען מיט דעם אגודיסטישען פועל, כדי אפשר אָבצורוימען און בעזייטיגען בעצייטענס די פערהאנענע קאָנפליקט־שטאפען. אויב ס׳וועט דערגיין צו דעם אויף אַנ׳אמת אַדורכצודרינגען דעם אגודיסטישען פועל בשלמות מיט דעם אידעאַל־בילד פון קומענדיגער ג—ט מלוכה און איהם צוגעווינען אַלס גוטען פיאָנער — טאָ וועט פון דעם אליין זיין קלאָר אַז דער אגודיסטישער פועל האט אַ בעדייטונג, וואס געהט ארויס פון די גרעניצען פון זיין לאנדס־מאנשאפט און וואס טרייבט ממילא צו דער גרינדונג פון אַ וועלט־פערבאנד פון אגודיסטישע פועלים און וואָס טהוט דערמיט דעם צוזאמענהאנג צווישען די פועלים און וועלט־עקזעקוטיווע נאָך מעהר פערשטארקען.

8.

אַ תיכף׳דיגען תיקון פאָדערט דאָס שלעכטע פערהעלטניש צווישען פועלים און צעירים, וואָס עקזעסטירט נישט נאָר אין פוילען נאר אויך אין ארץ־ישראל. די לאנדס־אָרגאַניזאַציע און די וועלט־עקזעקוטיווע דארפען לויט מיין הכרה, אפילו אויף איין מאמענט נישט בלייבען גלייכגילטיג לגבי דעם דאזיגען שלעכטען גרופען פערהעלטניש, ווייל ס׳איז אַ סכנה פאַרביידע גרופען צוזאמען.

אַ סקיץ פון דער נשמה־מצב פון ביידע־גרופען איז שוין פריהער געמאכט געוואָרען. ס׳איז שוין אויבען געזאָגט געוואָרען אַז די פועלים זענען די בוי־שטיינער און די צעירים זענען צעמענט פאַר׳ן אויפבוי פונ׳ם עם־התורה, דערמיט איז שוין אויסגעדריקט דער געדאנק אז ביידע זענען אומבעדינגט נויטיג. פון שטאנדפונקט פון אגודיזם זענען זיי נאָר פונק־

ציאָנעל אָפּגעשיידט. קיין שום קאָנקורענץ אָדער געגנערשאַפט דאַרף צווישען זיי קיין אָרט נישט האָבען.

זיי ביידע צו פערבינדען איז אונמעגליך. מיר ברויכען אנ'אמת'ע און עכטע ארבייטער־אָרגאניזאציע. מיר ברויכען אויך אנ'ארגאניזאציע פון די, וואָס זאָלען בעוואכען די גלות־פעסטונג פון דער תורה. א פערבינדונג וועט די פונקציאָנעלע פערשיעדענקייט לחלוטין פערווישען און וועט מאַכען פון פועל א מינדערווערטיגען צעיר און פון צעיר — א מינדערווערטיגען פועל. נאָר א ביוראָקראטישע פערוואלטונגס־בעקוועמליכקייט קען האלטען פון אזא ארט פערבינדונג.

ס'איז אויך אונמעגליך אפשר אלע גייסטיגע אויפגאבען, אויך אויף וויפיל זיי געהן אָן די פועלים, איבערצוגעבען דער אָרגאַניזאציע פון די צעירים אין פון די פועלים־אָרגאַניזאציע צו מאכען נאר אַ מין פראָפעסיאָנעלען פעראיין. אזא מין פרוב וועט דעם מהות פון דער פועלים ארג. לגמרי נישט תופס זיין. גראד אלס פועל וויל און דארף דער פועל שטרעבען צו גייסטיגקייט און ארויסשטעלען א נייעם יודישען טיפ, וואס זאל זיין מעור אחד. ער דארף די תורה און די עבודה נישט נאר פערזעהען מיט א בינד־שטריך נייערט תורה און עבודה דארפען ביי איהם פערוואנדעלט ווערען אין אנ'איינהייט, וואס מאכט אים אליין אלס ארבייטער פון דער תורה. די אייגענטליכע אָרגאַניזאַציע, וואָס שיצט זיינע ווירטשאַפטליכע אינטערעסען אין נאָמען פון משפט און יושר פון דער תורה און דערמיט טהוט זי זיינע ווירטשאַפטליכע אינטערעסען דערהויבען צו דער מדרגה פון אַלגעמיינע אַגודיסטישע אינטערעסען, דאַרף איהם אויך לערנען דעם משפט און יושר פון דער תורה און איהם דערציהען נישט נאָר אַלס ארבייטער פון דער תורה נייערט אויך אַלס „בן תורה“. נעמט מען דער אָרגאַניזאַציע פון די פועלים אַוועק די קולטור־אויפגאַבע — מוז זי דאַמאָלס בהכרח ווערען אומפרוכטבאַר.

ס'איז נייטיג פאַר אַלעם צו וועקען ביי די פועלים פערשטענדניש פאַר דעם הערץאָאישען רצון פון די צעירים און ביי די צעירים — פער־שטענדניש פאַר דעם הערזאישען רצון פון די פועלים, ווי ס'איז דאָ פאָרגעלייגט געוואָרען. ס'איז דער חוב פון די העכערע און העכסטע אַגודיסטישע אָרגאַנען אין דער הינזיכט ענערגיש צו אַרבייטען. ווען די דאָזיגע געגענזייטיגע פערשטענדניש וועט איינמאָל פאַר אַלעמאָל דער־גרייכט ווערען און דער פועל וועט דעם צעיר נישט מעהר בעטראַכטען אַלס אַ „בטלן“ און דער צעיר דעם פועל — אַלס אַ קינפטיגען „משכיל“ — דעמאָלט, זעה איך, אָפען דעם וועג, וואָס פיהרט צו דעם איינציג־ריכטיגען און נושא־פירות'דיגען פערהעלטניש פוןביידע גרופען. דאס דאָזיגע פערהעלטניש דריקט זיך אויס אין געגענזייטיגער הילף ביי דער פולער אָפּהיטונג פון דער אָרגאַניזאַטאָרישער זעלבסטשטענדיגקייט.

צו די צעירים ווענד איך מיך קודם כל: זעהט איהר דען נישט וואָסאַרע אומגעהויערע אויפגאַבען ס'האָט פאַר זיך אויך די אָרגאַניזאַציע פון די פועלים? — זעהט איהר דען נישט, ווי דרינגענדיג נויטיג, ס'איז געוואָרען, אז איהר זאָלט אין יעדען אָרט קומען צו הילף דער פועלים־גרופע, כדי זי איינגאַנצען אָנפילען מיט'ן גייסט פון דער תורה? — זעהט איהר דען נישט, וואָסאַרע סכנה ס'שטעקט אין דעם, ווען ס'וועט זיך וואָס אמאָל מעהר איינוואָרצלען דער מנהג אַז גראָד די רייכערע אין ידיעות זאָלען עס האַלטען נידריגער פון זייער כבוד צוצוהעלפען די פועלים־גרופען, אָדער גאַר אַליין אַנטיילנעמען אין זייערע גייסטיגע מוסדות? — ווילט איהר אפשר די פועלים סטעמפלען אלס עמי הארצים און זיי מאַכען אַ שלעכטען נאָמען? — וואָלט איהר עס זיך גערעכענט פאר אַ חטא ווען מאנכע פון אייך, געטריבען פון מורא'דיגען נויט, האבען געמוזט שוין אין פריהען עלטער זיך נעמען צו אַרבייט? — נאָך זעה איך איהם פאַר מיר, דעם רעדנער אויף דער לאַנדס־קאָנפערענץ, ווי ער

שילדערט זיין אַרבייטס־טאָג, ווי ער איז געצוואונגען טאג איין טאג אוים צו אַרבייטען נעבען בונדיסטען, וואס לאַכען אפ פון איהם צוליב זיין תורה־געטריישאַפט און בעוואַרפען ס׳גאַנצע יודישקייט מיט שפאט און גיפט: — איז דער דאזיגער מענש נישט קיין העלד, ווען ער בלייבט פעסט אין זיין געטריישאַפט צו ג—ט, און זענט איהר נישט מחויב פון אויבערשטען צו העלפען דער ארגאַניזאַציע, אין וועלכער דער דאָזיגער פועל שיצט זיך נאך דער אַרבייט פון טאג כדי אין איהר כוח און מוט צו שעפען פאַר די נייט פון קומענדיגען טאג? — אייערע טיכטיגסטע און פעהיגסטע כוחות מוזט איהר דער ארגאַניזאַציע פון די פועלים שטעלען צו פערפיגונג, אנשטאַט, וואס יעצט טהוט די קליינליכע קנאה און דאס קורצזיכטיגע נישט־געטרויען אויסגראבען תהומות, וואס שפּאַלטען אונזער יוגענד און האַמעווען אויפן ערגסטען אופן דעם כוח און די ענטוויקלונג פונם אַגודיזם!

ס׳דאַרף דער נייער הנהלה פון די פועלים, אונטערשטיצט פון דער לאַנדס־ארגאַניזאַציע און וועלט־עקזעקוטיווע, תיכף געלונגען אויפצו־קלערען די מיספערשטענדנישען און צו וואַרפען אַ בריק צו די צעירים, אויף וועלכער ס׳זאָלען זיךביידע גרופען צוזאַמענטרעפען אין געגענ־זייטיגער הילף.

צעירים זענען צעמענט. פועלים זענען בוי־שטיינער. פון בוי שטיינער און צעמענט ענטשטעהט דער צוקונפטיגער בנין פון דער תורה.

„בונה ירושלים ה׳, נדחי ישראל יכנס“ (דער אייבערשטער בויט אויף ירושלים און זאַמעלט צוזאַמען די פערשטויסענע פון ישראל).